# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:16
מוצאי שבת קודש............8:45

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................שמואל-א כ"ז
בבלי........................חולין קכ"א
ירושלמי....................שבועות ג'
תוספתא...................סנהדרין ד'
רמב"ם......................אישות ב'

פרשת תבא, ט"ז אלול, אבות פרק ג-ד, שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 47 (764)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ.

דֶער הֵיילִיגֶער "אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ" טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק: וְהָיָה, אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, וֶוען קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ, וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קכ"ו, ב') אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פִילְט מֶען מֶער דִי הַשְׁגָּחָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה (דְּבָרִים י"א, י"ב).

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה קֶען עֶר דוּרְךְ מַאכְן אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, נָאר וֶוען מֶען הָאט אֱמוּנָה קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי אֱמוּנָה הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קֶענֶען אִיבֶּער קוּמֶען אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן.

עֶר בְּרֶענְגְט דֶעם פָּסוּק "אָז" יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ, וַוייל נָאר "אָז" – "דֶעמָאלְט" וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַוייל לֵיידֶער הָאבְּן דִי רְשָׁעִים דִי עֵרֶב רַב הַיינְט מְטַמֵּא גֶעוֶוען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט שְׁלֶעכְטְס, אוּן זֵיי זֶענֶען מַכְשִׁיל דִי אִידְן מִיט אַלֶע מִינֵי עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וואוּ אִידְן וואוֹינֶען אוּן פִירְן זִיךְ דָארְט אוֹיף עֶרְלִיךְ, הֵיילִיגְן זֵיי דָאס פְּלַאץ אוּן עֶס בַּאקוּמְט דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. קוּמְט אוֹיס אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס. וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, דָארְט אִיז דִי אֱמֶת'עֶ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה צוּ קֶענֶען זַיין בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ וִויסְנְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן וֶוער עֶס בֶּעט אִים.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אַלֶעס וָואס מֶען וִויל הָאבְּן אִיז נָאר דָא אֵיין אַדְרֶעס, מֶען קֶען זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען אַלֶעס גוּטְס, אַלֶעס טוּישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְן, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז מֶען אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תָּבֹא א')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שִׁידוּכִים אוּן שָׁלוֹם בַּיִת

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען קֶען פוּעֶל'ן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' – אִיז אַ שִׁידוּךְ, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פז), אַז אִין דִי כַּוָּנוֹת פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' לִיגְט דִי סוֹד פוּן טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן דָאס אִיז מְרוּמָּז אִינֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כד, ח): "וְ'אִם לֹ'א תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָ'לֶכֶת אַ'חֲרֶיךָ", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'אֱלוּל', אוּן אִינְדֶערְמִיט אִיז דָא דִי וֶוערְטֶער: 'תֹאבֶה הָאִשָּׁה', וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען פַארְרֶעכְט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען – טְרֶעפְט מֶען דִי שִׁידוּךְ.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, בֶּעט דֶעם

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ הָאף אַז עֶנְק הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, אוּן עֶנְק זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן וְכוּ'. אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן עֶנְק, עֶנְק זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, אוּן עֶס זָאל עֶנְק נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט וְכוּ'.

עֶנְקֶער עֲבוֹדָה אִין דִי טֶעג אִיז לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצ"ה, (וְסִימָנָךְ 'הַקֵּ"ץ', דוּ וֶועסְט זֶען דִי עֶנְדֶע פוּן אַלֶע צָרוֹת), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת אוּן יִסוּרִים – זָאל מֶען גוּט אוֹיפְזוּכְן דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, וַוייל אוֹיךְ אִין דִי צָרָה – טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן גוּטְס טוּן פַארְן מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז דַיין עֲבוֹדָה, אוּן נָאר דָאס; דוּ זָאג פַאר דַיין וַוייבּ זַאכְן וָואס דוּ זֶעסְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט חֲסָדִים, אוּן אִיר זָאגְט פַאר אֵייעֶר מַאן זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען; עֶנְק מוּזְן מַסִּיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן אַזוֹיפִיל פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען מוּז טְרַאכְטְן פוּן דִי חֲסָדִים אוּן דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ו)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, טַעֲנָה זִיךְ, זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵייס אַז מַיין שִׁידוּךְ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעשֶׁען צוּלִיבּ מַיינֶע חֲטָאִים אִין וָואס אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר אַרָאפּ, אִיךְ בִּין פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דָאס הַאלְט אָפּ מַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּן יד, דַף ל.): 'חוֹבָא דָא', דִי עֲבֵירָה, 'גָרִים דְּנָטִיל אַחֵר בַּת זוּגֵיהּ', אִיז גוֹרֵם אַז אַ צְוֵוייטֶער כַאפְּט אוֹיס דִי שִׁידוּךְ, אָבֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי קֶען אִיךְ נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן הֵיילִיג, כָּל זְמַן אִיךְ בִּין אַ פְּלַג גוּף פַאל אִיךְ כְּסֵדֶר צוּרִיק אִין דִי נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים", אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי וֶועלְוְול זְבַּארִיזְשֶׁער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען זַיין פֶערְד אוּן וָואגְן הָאט זִיךְ אַמָאל אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אִין אַ קַאלְטֶע רֶעגְנְדִיגֶע נַאכְט, דֶער צַדִיק הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַלֵיינְס, אוּן דִי פֶערְד אִיז אִים אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ גְרוּבּ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵייס פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, וַוייל דוּ וִוילְסְט אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דָא קֶען אִיךְ נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דָא אִיז קַאלְט אוּן נַאס אוּן טוּנְקֶל, בְּרֶענְג מִיךְ אַהֵיים, דָארְט זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּן", אַזוֹי זָאלְסְטוּ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי קֶען אִיךְ נִישְׁט וַוייטֶער, אִיךְ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ דַארְף אַ שְׁמִירָה, אִיךְ דַארְף אַ חוֹמָה, אִיךְ זָאג דִיר צוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן - וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט מֶער זִינְדִיגְן".

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דוּ וֶועסְט טַעֲנָה'ן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט חֲרָטָה הָאבְּן אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, זָאגְט וַוייטֶער דֶער זוֹהַר (שָׁם): "וְעִם כָּל דָא, אִם חָזַר בִּתְיוּבְתָּא 'וְשָׁב וְרָפָא לוֹ', וְיָהִיב לֵיהּ בַּת זוּגֵיהּ", טְרֶעפְט מֶען דִי שִׁידוּךְ.

## שָׁלוֹם בַּיִת

אוֹיךְ אִיז 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' מְסוּגָל צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה – וֶוערְט דִי וַוייבּ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, בִּבְחִינַת (יְבָמוֹת סג.): "זָכָה, עוֹזַרְתּוֹ"; דִי גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעוָואנְדְן אִין קְדוּשַּׁת הַיְּסוֹד, אוֹיבּ מֶען אִיז פּוֹגֵם חַס וְשָׁלוֹם, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ – אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, בִּבְחִינַת (שָׁם): "לֹא זָכָה, כְּנֶגְדּוֹ"; וָואס דֶער מַאן וִויל – וִויל דִי פְרוֹי פַארְקֶערְט פוּן אִים, אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט.

דֶערְפַאר, יֶעצְט אִין 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַן אֱמֶת'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען פַארְרֶעכְט וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, דוּרְךְ זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן נִישְׁט טוּן חַס וְשָׁלוֹם קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער עִיקָר – דוּרְךְ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר קָבוּעַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, אוּן מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַוְקָא, אוּן דוּרְךְ פַארְמֶערְן צוּ טוּן גְּמִילַת חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, זִיךְ נִישְׁט זוּכְן תֵּירוּצִים אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטוּבּ – דַאן בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק דִי שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶע'מוּסָר'ט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד), אַז מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צַעַר אִין לֶעבְּן מִיטְן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוּן מִיטְן עֶרְצִיעֶן דִי קִינְדֶער; מֶען מוּז מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ

>>>>>>

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# הֲ־יִתָּכֵן, מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי וַוייבּ?!

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרַנַ"ת אִין דִי בְּרִיוְון פוּן פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא שְׁרַייבְּט עֶר: "לְסֵדֶר 'כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן'"; מֶען פָארְט שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט מְנִיעוֹת, יֶעדֶער הָאט שְׁוֶועריִקַייטְן, דָאךְ פָארְט מֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט דִי יָאר קוּמֶען, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "**הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל**", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! "**כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה**", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "**וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם**", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער פָארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ זַיין רֶבִּי, בַּיי אַלֶע חֲסִידוּת'ן פָארְט מֶען אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן קֵיינֶער זָאגְט גָארְנִישְׁט, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן - דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הִימְל אוּן עֶרְד, "הֲיִתָּכֵן מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי וַוייבּ אוּן מֶען פָארְט אוֹיף אוּמַאן?!" דָאס אַלֵיינְס אִיז אַ בַּאוַוייז אַז דָאס אִיז דִי קוֹל הֲבָרָה וָואס וִויל פַארְשְׁטֶעלְן דִי קוֹל דִקְדוּשָּׁה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּם צַדִיק, מֶען זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַלֶע תִּיקוּנִים.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אוּנְזֶערֶע ד' אַמוֹת אַוֶועק פוּן דִי גַאנְצֶע טוּמְל, אוּנְזֶערֶע ד' אַמוֹת אִיז אָפְּגֶעהִיטְן, מִיר אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - גֶעבְּט מֶען אַוֶועק פוּן דִי אַנְדֶערֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, מֶען שְׁפָּארְט אָפּ גֶעלְט אִינְמִיטְן יָאר אַז מֶען זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן.

גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט**
**הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**
**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תָּבֹא תשפ"ו)

שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, וַוייל דִי נַאטוּר בַּיי וַוייבֶּער אִיז אַז זֵיי וֶוייְנֶען שְׁנֶעלֶער, אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּגַם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

## תְּשׁוּבָה אֱלוּל

אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוען אִימֶער אַ מֶענְטְשׁ בַּארֶעכְנְט זִיךְ אוֹיף זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים – קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער נָאךְ מֶער אִיז יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל'; יֶעצְט אִיז אַסַאךְ מֶער מְסוּגָל צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ זֶענֶען דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל אָפְן, עֶס שַׁיינְט דִי י"ג מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, 'יָדוֹ פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל שָׁבִים' זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּ אַלֶע וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' מִיט גוּטֶע זַאכְן, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ אִין דִי טֶעג זָאגְן תְּהִלִים, פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן דֶעם "יוֹם תְּהִלִים" יֶעדְן טָאג, אוּן אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן דָאס צוּ טוּן, זָאלְסְטוּ זָאגְן וִויפִיל עֶס אִיז דִיר שַׁיָּיךְ, וַוייל זָאגְן תְּהִלִים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִים, וַוייל תְּהִלִים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה; "וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה, דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זֶענֶען אַלֶע עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בּוֹ", דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִין דִי טֶעג גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז נִישְׁט רָאוּי מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אָבֶער בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען; זַיי מִתְפַּלֵּל פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, עֶס זָאל עֶנְק קוּמֶען אַ גוּט יָאר, עֶס זָאל זַיין: 'תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ', דִי יָאר מִיט דִי צָרוֹת זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן, 'תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ', עֶס זָאל קוּמֶען אַ זִיסֶע יָאר מִיט יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, וַוייל אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס עֶס וַוארְט אִים אַ מִשְׁפָּט, עֶס וַוארְט אִים תְּפִיסָה אָדֶער עֶרְגֶערְס רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס טוּט עֶר? עֶר לוֹיפְט צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, עֶר רַייסְט אַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים, עֶר בֶּעט בַּיי דִי צַדִּיקִים זֵיי זָאלְן מֵלִיץ יוֹשֶׁר זַיין וְכוּ', אַזוֹי אוֹיךְ יֶעצְט 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל', וֶוען עֶס וַוארְט אוּנְז אַלֶע אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּט, מֶען גֵייט אַלֶעמֶען מִשְׁפְּטְ'ן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, וֶוער וֶועט פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן צוּ לֶעבְּן אוּן וֶוער וֶועט פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן צוּ טוֹיט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט דוּרְכְאוֹיס דִי יָאר, אַלֶעס מִשְׁפָּט מֶען אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי חוֹדֶשׁ מִיט זָאגְן תְּהִלִים אוּן גֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן אַז מִיר זָאלְן אַלֶע אַרוֹיסְגֵיין זַכַּאי בַּדִּין, אָמֵן וְאָמֵן.

(קוּנְטְרֵס חוֹדֶשׁ אֱלוּל)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וָואס רֶעדְן מִיט תַּלְמִידִים אִין אֱלוּל?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיָּ' גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרִיוו אִיבֶּער וָואס צוּ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי יְמֵי בֵּין הַמְּצָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' גֶעפָאלְגְט אַלֶעס וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען. יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְט וִוי אַזוֹי אוּן וָואס מְ'זָאל רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אַכְט יָאר אַלְט, אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, פַּאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַפָּאר וֶוערְטֶער לְתוֹעֶלֶת דִי תַּלְמִידִים.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין דִיר אַזוֹי מְקַנֵּא מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דוּ זִיצְט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע נְשָׁמוֹת, אַכְט יֶערִיגֶע קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאךְ נִישְׁט פוּן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן, זֵיי שְׁלִינְגֶען יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מְלַמֵּד זָאגְט, יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵּד גֵייט אַרַיין טִיף טִיף אִין זֵייעֶרֶע רֵיינֶע הֶערְצֶער.

אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע הַקְדָּמוֹת, עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן וָואס צוּ רֶעדְן - קֶען עֶר בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, זֵיי וֶועלְן וִויסְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען זָאל אִים צוּזָאגְן אַז מֶען גֵייט זַיין וואוֹיל. לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶר וִויל נָאר גוּטְס, עֶר וִויל נִישְׁט שְׁטְרָאפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר וַוארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים. דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; וִוי וַוייט מֶען אִיז פַארְקְרָאכְן קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעד נִישְׁט צוּ זֵיי קַיין הוֹיכֶע זַאכְן; עֲבוֹדוֹת פוּן צַדִּיקִים פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים. רֶעד צוּ זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דִי פָּשׁוּטֶ'ע וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס פָּשׁוּטֶ'ע וֶוערְטֶער: "אִיךְ וִויל זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה", וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיָּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחֲמָנוּת.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען אַ חַבֵר; וַוייל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶער עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ (יוֹמָא פה:), אוֹיבּ מֶען טוּט וֵוייא צְוֵוייטְן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה נָאר מֶען מוּז יֶענֶעם אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן יֶענֶער דַארְף מוֹחֵל זַיין. זָאלְסְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ חַבֵר אוּן

<<<<<< שו"ת ברסלב

נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ חַבֵר; קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי דֶערְפוּן וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט, אוּן אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט קֶענֶען זֵיי נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פַארְשֶׁעמֶען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן אַלֶעס אִיז דֶער מְלַמֵד שׁוּלְדִיג, וַוייל מֶען רֶעדְט נִישְׁט גֶענוּג פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בְּלָאזְן שׁוֹפָר, וִוי דֶער שָׂטָן וֶוערְט דֶערְפוּן צֶעטוּמְלְט אוּן צֶעמִישְׁט; אַ גַאנְץ יָאר גְרֵייט עֶר זִיךְ אָן פֶּעק אוּן זֶעק פוּן עֲבֵירוֹת, עֶר וַוארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ קוּמֶען טַעֲנֶה'עְן קֶעגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר וֶוערְט עֶר אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן מֶען גֵייט אִים שׁוֹין שֶׁחְטְ'ן – לוֹיפְט עֶר אַוֶועק, עֶר לוֹיפְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אָבֶּער דִי פָּאר פּוּנְקְטְן זֶענֶען זֵייעֶר וִוִיכְטִיג; דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט, דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ גְלַייךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה
אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל לעווי** שליט"א בני ברק
עורך ספה"ק אשית עצות בנפשי
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אהרן סאמעט** הי"ו ביתר
צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב,
א אינגל, ביי זיין זון
מו"ה **שמעון עוזר סאמעט** הי"ו ביתר

***

מו"ה **אברהם צבי כהן** הי"ו בני ברק
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יצחק פישמאן** הי"ו צפת
צו שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון
הבחור **אשר פישמאן** נ"י

***

מו"ה **יואליש קרויס** הי"ו ביתר
צו די אפשערן פון זיין זון **שמעון אהרן** נ"י למזל טוב

***

מו"ה **יוסף לייב קויפמאן** הי"ו טשעסטער
צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון
החתן **עזרא משה קויפמאן** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יואל וועבער** הי"ו קרית יואל

***

מו"ה **אהרן אסקל** הי"ו פתח תקוה
צו די שידוך שליסן למזל טוב פון זיין זון
החתן **דוד אסקל** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **נתן שמואל קליין** הי"ו יבנאל

# גוטע נייעס פון אוקריינע: רייזנדע וועלן ערלויבט ווערן צו פארן טראץ די קורפיו

ס'איז גאר פריידיגע נייעס פאר די צענדליגע טויזנטער אידן וואס גרייטן זיך צו פארן צום ציון הקדוש פונעם היילגן רבי'ן אין אומאן אויף דעם קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט: די מיליטערישע אדמיניסטראציע אין דעם אדעסער ראיאן האט געמאלדן, אז די באאמטע האבן אראפגענומען געוויסע שטרענגע קורפיו באגרעניצונגען וואס זענען איינגעפירט געווארן צוליב די מלחמה. די דאזיגע רעגולאציעס, וואס זענען שוין אין קראפט פאר עטליכע יאר, האבן שטארק פארשווערט פאר די פילע רייזענדע וואס קומען אן דורך די גרעניצן.

לויט די קורפיו געזעצן טאר מען זיך נישט געפינען אויף די גאסן אין פארשידענע געגנטער איבער אוקריינע אין געוויסע שעות ביינאכט. די פונקטליכע צייטן ווענדן זיך לויט אין וועלכן "אבלאסט" (קאונטי) מען געפינט זיך, אבער ביז יעצט האט נישט אויסגעמאכט צי מען גייט צופיס, צי מען פארט אויף א לאקאלן וועג, אויפ'ן הייוועי, אדער אפילו ביים גרעניץ זעלבסט.

זייער אסאך רייזנדע האבן געהאט גרויסע שוועריקייטן און עגמת נפש דערמיט; אויב מען האט זיך נאך לאנגע שעות פון רייזן געפונען אויפן הייוועי אין די שפעטע נאכט שעות, האט די פאליציי געקענט אפשטעלן די קאר און הייסן דעם דרייווער זיך ארייננציען אין די זייט און ווארטן דארט ביז אינדערפרי, וואס האט גורם געווען א געוואלדיגע אפמוטשעניש פאר די פילע נוסעים.

דער אייבערשטער הערט אויס די תפילות פון אידישע קינדער, און היות די ברסלב'ער חסידים בעטן כסדר יעדן טאג מען זאל קענען אנקומען גרינג קיין אומאן, פארן גרינג און קומען גרינג, האט דער אייבערשטער געהאלפן אז עס איז אפיציעל באריכטעט געווארן א געוואלדיגע טויש אין א וויכטיגע רעגולאציע. דער מיליטערישער גאווערנאר פון אדעסא האט געמאלדן אז אלע סארטן טראנספארטאציע מעגן פון היינט און ווייטער פארן אומגעשטערט אין ביידע ריכטונגען, און מען וועט זיך מער נישט דארפן אפשטעלן אינמיטן די נאכט אויסצוווארטן ביז אינדערפרי. דאס וועט הויפטזעכליך אויסמאכן אויפ'ן קיעוו-אדעסא הייוועי, די הייוועיס ארום אדעסא, און ביי די גרעניץ-פונקטן ווי פּאַלאַנקאַ, סטאראקאזאטשע, אָרליווקאַ און רעני, וואס זענען אלע ארייגערעכנט אינעם נייעם סדר.

מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט דאס העלפן אין נאך א ריכטונג; יעצט אז מען וועט קענען פארן אויף די הייוועיס אין אלע שעות פונעם טאג, ווערט ערווארטעט אז דאס וועט אויך העלפן אז די גרעניצן זאלן נישט זיין אזוי אנגעלייגט און געשטופט, וויבאלד דער עולם וועט זיין מער אויסגעשפרייט איבער מערערע שעות.

דער עיקר דארף מען געדענקען צו בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו זיין ביים היילגן רבי'ן אויף ראש השנה, אז מען וויל האבן גרינגע געשמאקע וועגן אהין און צוריק דארף מען בעטן אויף דעם, די מענטשן און די פעקלעך זאלן גיין און קומען גרינג און געזונט, און מען זאל זוכה זיין צו פועל'ן א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה.

דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט צו זיין א מליץ יושר פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט: "מיינע מענטשן פיר איך שוין אדורך די ערשטע נאכט ראש השנה". וואויל איז דעם וואס איז זוכה איבערצוקומען אלע מניעות און שוועריקייטן, און קומט צום היילגן רבי'ן אויף ראש השנה.

## ימים נוראים

שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס שטייען שוין ביים שוועל

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380


< BreslevCenter.com >